# תורת אביגדור
## פאר קינדער

איבערגעארבעט פאר קינדער פון די שמועסן פון **הרב אביגדור מיללער זצ"ל**

דורך: פינחס בן-עמי, נתנדב לעילוי נשמת אמי מורתי **מרים לאה בת יעקב יהודה ע"ה**

### פרשת לך

## א שווערע בחינה? עולם הבא!

וואלווי האט זיך אהיים געשלעפט פון חדר, הונגעריג, מיד, און אויפגערעגט. ער האט אוועקגעשטויסן די קליינע שטיינדלעך אין זיין וועג, ארויסלאזנדיג זיין פארביטערטע כעס אויף זיי. 'פארוואס דארף מיין לעבן זיין אזוי שווער' האט ער געטראכט. 'וואס וויל מיין ענגליש טיטשער פון מיר? איך דארף טאקע נעמען א טעסט אויף די שווערע מעט"ה (MATH) וואס ער פרובירט מיר צו אויסלערנען? וואס פעלט עס אויס? פארוואס דארף איך יעצט חזר'ן לאנגע שעות? וואס טראכט ער? איך גיי סיי ווי קיינמאל בויען בריקן. פארוואס דארף איך דאס קענען?' וואלווי האט געזען ווי א פויגל האט זיך אויפגעהויבן און אוועקגעפלויגן, און ער האט געוואלט אז זיין פראבלעם וועגן די טעסט זאל אויך וואקסן פליגלעך און אוועקפליען...

אזוי איז ער אריינגעגאנגען צו זיין הויז, און ער האט געוואוסט אז ער מוז איבערגיין די מעט"ה ווי לאנג ער קען, ווייל ער האט עס עכט נישט פארשטאנען. נאך נאכטמאל האט ער זיך איינגעשפארט אין זיין צימער און אנגעהויבן איבערגיין די מעט"ה. עס איז געווען גאנץ פרעמד צו אים. ער האט נישט געוואוסט ווי אזוי ער וועט עס קענען פארשטיין! 'הלואי וואלט איך דאס נישט געדארפט טוען! ווען גיי איך דאס סיי ווי ניצן?'

אזוי איז ער געזעצן מיט די גרויסע מעט"ה פראבלעם אויף זיין קאפ ווען זיין טאטע איז אהיים געקומען. ער איז געלאפן באגריסן זיין טאטע. וואלווי האט געזען ווי זיין טאטע'ס פנים האט אויפגעלכטן ווען ער האט געזען וואלווי. "וואלווי, געדענקסט אפאר וואכן צוריק ביים שבת טיש האסטו מיר געפרעגט פארוואס דער באשעפער מאכט עס אזוי שווער פאר צדיקים? פארוואס האבן אברהם אבינו און שרה אמינו נישט געהאט קיין קינדער ביז זיי זענען געווען זייער אלט? "

"היינט נאכט ביי די שיעור האט די רב געזאגט די תירוץ. זאלסט וויסן וואלווי, אז דו האלטסט




אויפ'ן וועג פון ווערן א גרויסע תלמיד חכם! די גמרא אין מסכתא יבמות פרעגט דיין קשיא!"

"די תירוץ איז אז די אבות הקדושים האבן געהאט שוועריקייטן ווייל הקב"ה האט ליב צו הערן ווי זיי דאווענען. דער באשעפער האט געוואלט הערן פון זיי, וועגן דעם האט ער זיי געגעבן א צרה, וואס וועט זיי מאכן דאווענען"

אבער וואלווי איז נישט געווען צופרידן מיט די תירוץ."טאטי, נאר ווייל הקב"ה האט ליב צו הערן די תפילות פון צדיקים האבן זיי אזוי געמוזט ליידן?"

"וואלווי" האט זיין טאטע געדולדיג געזאגט "די רב האט מסביר געווען אז אונזער גאנצע לעבן דא אויף דער וועלט איז נאר אז מיר זאלן שפירן די רבש"ע אין אונזער ביינער. עולם הזה איז נישט אמת'דיג נישט די וויכטיגסטע זאך, און אונזער צייט אויף די וועלט איז זייער קורץ. עולם הבא איז אויף אייביג. און ווי אזוי קומט מען אן דערצו? דורך טראכטן וועגן די רבש"ע און רעדן צו אים וואס מער מען קען."

"און וויבאלד מיר לעבן דא אויף דער וועלט נאר צו געדענקען די גוטע גרויסע באשעפער און ווערן נאנט מיט אים, העלפט אונז דער רבש"ע. ווען געדענקען מיר צו טראכטן וועגן דער אויבערשטער? ווען געדענקען מיר צו דאווענען צו אים? ווען מיר האבן א פראבלעם. ווען מען וויל עפעס האבן זייער שטארק דאווענט מען!"

"אברהם אבינו איז געווען א גרויסע צדיק וואס האט געארבעט זיין גאנץ לעבן צו ווערן נאנט מיט דער אויבערשטער. דאס אז ער האט געהאט א צרה, א פראבלעם, איז געווען פאר אים א טובה ווייל דורך דאווענען פאר קינדער איז ער געווארן בעסער און נענטער צום באשעפער און פארדינט עולם הבא. אפילו עס איז געווען שווער פאר אים אויף דער וועלט, לוינטמ זיך עס ווייל ער וועט באקומען מער עולם הבא!"

"אברהם אבינו האט אויסגענוצט זיינע געלעגנהייטן וויפיל ער האט געקענט! ער האט אייביג געדאווענט און געבעטן דער באשעפער ער זאל אים העלפן. ער האט גענוצט זיינע שוועריקייטן צו ווערן נענטער צום טאטן אין הימל."

"דער רב האט אונז געזאגט אז מיר האבן די זעלבע געלעגנהייט ווי אברהם אבינו האט געהאט, מיר דארפן עס נאר נוצן. יעדע פראבלעם, יעדע שוועריקייט איז א דערמאנונג צו רעדן צום געטרייע טאטע אין הימל. אפילו אויב מען בלייבט מיטן פראבלעם, ביסטו דאך געוואקסן אין דיין עבודת ה', און דאס איז וואס דער באשעפער וויל!"

"טאטי" - האט וואלווי געזאגט - "דאס איז פונקט וואס איך האב יעצט געדארפט הערן! יעצט ווייס איך אז איך גיי בעטן דער באשעפער ער זאל מיר העלפן פארשטיין די מעט"ה. אפילו אויב איך גיי עס נישט פארשטיין, ווייס איך אז איך האב עפעס אויפגעטועין. דער באשעפער ווארט פאר מיין תפילות, און וואס מער איך בעט אים פאר העלף מיט די מעט"ה אלץ מער פארדין איך עולם הבא!"




כל הזכויות שמורות ל: תורת אביגדור- פאר הערות און קאמענטארן ביטע פארשטענדיגט אייך: 347.755.8860